און דאס איז אויך וואס דער רבי האט איבערגעגעבן פון דעם רבי'ן מהר"ש וואס ער האט געהערט פון צ"צ, אז דער צ"צ האט אמאל געזאגט בערב ר"ה אז א פאטער וויל מען זאל משבח זיין זיינע קינדער בפניו, איז דער ביאור אין דעם כנ"ל דורך ענין השבח קומט דאס אראפ בגלוי.

און דאס איז אויך דער ענין פון התועדות חסידותיה וואס איינער איז משבח דעם צווייטן, וכידוע וואס דער אלטער רבי האט געזאגט אז פסקא משמיא נחית (אז דאס וואס א חסידות'שע פארבריינגען קען אויפטאן קען אפי' מלאך מיכאל ניט אויפטאן), ובמילא דורך דעם ריידן אליין, פועל'ט מען אז עס זאל נמשך ווערן בגילוי, און מ'זאגט לחיים, און ווי דער מגיד זאגט אז מען דארף ענטפערן לחיים ולברכה, פועל"ט מען אז דאס זאל נמשך ווערן.

און דאס איז אויך וואס מען זאגט "זכר צדיק לברכה" אז מען דארף משבח זיין דעם צדיק, און ווי דער אויבערשטער האט משבח געווען נח'ן, וואס דורך ענין השבח האט דאס אים צוגעגעבן א סיוע בעבודתו, וואדום עס איז דאך הבא לטהר מסייעים אותו ואדם מקדש עצמו מעט למטה, מקדשין אותו הרבה מלמעלה, ווי מען געפינט לגבי ראובן אז אויב ער וואלט געוואוסט אז די מעשה זיינע וועט אראפ קומען אין תורה וואלט ער דאס ניט געטאן, אעפ"י אז ער האט דאס זיכער געוואוסט אז דער אויבערשטער ווייס אלץ וואס טוט זיך, פונדעסטוועגן דאס אליין קען אבער בלייבן בהעלם, אויב ער וואלט געוואוסט אז דאס וועט אראפ קומען בגלוי ביז אין תורה וואלט ער טאן די מעשה באופן אחר.

ועד"ז איז אויך בצד הטוב, בשעת דאס קומט אראפ אין תורה אז תורה איז משבח הייסט דאס בגלוי, ועד"ז דארף אויך זיין ביי יעדען איינעם ניט רעדן ח"ו בגנות חבידו נאר אדרבה בשבחו און דורך דעם פועל'ט מען אז אדם וועדט נמשך בגלוי.

און דערפאר זעט מען אויך אז פאר פ' נח כאטש עס וועדט דערמאנט נח, איז תודה אים ניט משבח, וואדום פריער איז דאס אלץ געווען ניט מצד עבודת נח, נאר מלמעלה למטה, און ווי דער ענין פון ונח מצא חן, כמבואר אז דער ענין פון חן איז ניט עפ"י טו"ד, און ווי מען זעט אז ירקרקדת היתה, און פונדעסטוועגן חוט של חסד משוכה כו', ווייל דאס איז א ענין שלמע' מטו"ד, ובמילא וויבאלד אז דאדטן איז דאס געווען שלא ע"י עבודתו, האט ער דאך ניט געדארפט האבן א סיוע בעבודתו.

עדשט דערנאך בשעת עס האט זיך אנגעהויבן עבודת נח מלמטה למעלה, איז דא דער ענין של שבח, בכדי מסייע זיין אים בעבודתו, און דאס איז אויך וואס רש"י איז מדגיש הואיל והזכידו ער דערמאנט נח מצד עבודתו, במילא סיפר בשבחו.

דערנאך קומט דער צווייטער פי' פון דש"י, שעיקר תולדותיהם של צדיקים איז מעשים טובים, ולכאו אויך אין די פריערדיקע פרשה האט זיך גערעט וועגן תולדותיו של נח אויב אזוי האט די תורה אויך דארט געדארפט זאגן אז עיקר תדלדותיו של נח איז מעשים טובים?

נאר דאס איז כנ"ל, דארטן איז ניט געווען עיקר כו' מעשים טובים, וויבאלד אז עס איז געווען קודם עבודתו מצ"ע, נאר מלמעלמ"ט, משא"כ דא בשעת עס הייבט זיך אן עבודה נח מצ"ע זאגט מען אז עיקרו איז מעשים טובים. (חסר הסיום).

ט. כדגיל אז מען לערנט פידש"י של התחלת הפדשה, ושל סיום, אויך אין די פדשה בסיום איז דא א פי' רס"י וואס רש"י שטעלט זיך אויף בחרן, און זאגט נו"ן הפוכה, לומר לך עד אבדהם הי' חדון אף של מקום.

לשון רש"י "לומר לך" מיינט, ווייל בפשטות עפ"י פשטש"מ דער

הנחה פרטית בלתי מוגה — טייטש. —



שיחות קודש - תשכ"ז א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 142) 116115 הודפס מאוצר החכמה

טייטש פון חרן מיינט א שטאט, און ניט מלשון הרוןך אף של מקום, עס איז נאר וואס אין פשוטו של מקרא שטייט דער נו"ן הפוכה, בכדי צו זאגן אז אויך אין פשוטו של מקרא, איז דא א חידוש אין דעם אז דאס מיינט עד אברהם הי׳ חרון אף כו׳.

וכאן המקום לומר אז דער טייטש פון נו"ן הפוכה איז ניט ווי די מפרשים וואס זיי ווילן לערנען אז עס שטייט דא א איבעריקער נו"ן, -נאך דעם ווארט חרון- אבן דאס גופא איז הפוכה, שבזה י"ל בב׳ אופנים, צי דאס איז א נו"ן פשוטה, -דער איבעריקער נו"ן- אדער נו"ן כפופה, ווי דער מנחת שי זאגט אז דאס איז א איבעריקער נו"ן כפופה.

ברש"י אבער קען מען אזוי ניט איינלערנען וויבאלד אז רש"י זאגט "הנו"ן" מיט א ה"א הידיעה שמובן מזה אז דאס גייט אויפן נו"ן פון דעם ווארט חרן.

זאגן ווייטער אז דער נו"ן פון חרן איז דער שינוי אין דעם וואס ער איז א כפופה און ניט א פשוטה, קען מען אזוי ניט זאגן בפירש"י ווייל רש"י זאגט דאך אז דער שינוי איז מיט דעם וואס ער איז הפוכה, און ניט מיט דעם וואס ער איז כפופה.

מוז מען דאך זאגן אז דער שינוי איז מיט דעם וואס ער איז געשריבן פארקערט, וואס אין דעם גופא קען דאס זיין בב׳ אופנים:
א) אז דאס איז געשריבן געווארן מימין לשמאל (ברוגמת ווי עס איז געשריבן געווארן אין פ׳ בהעלותך), ב) אז דאס איז איבערגעדרייט, דאשו מלמטה והקו למעלה, און אין איינע פון די אופנים זאגט זיך ארויס דער שינוי, לומר לך אז ער אברהם הי׳ חרון אף של מקום.

דארף מען דא פארשטיין:
א) וואס זאגט רש"י עפעס עד אברהם, לכאו׳ ווער רעט דא וועגן אברהם? רש"י האט געדארפט זאגן עד מיתת תרח?

ב) עס איז דא א גירסא בכמה דפוסים אז עד אברהם הי׳ חרון אף של מקום <u>בעולם</u>, ולכאו׳ וואס דארף רש"י דא מדגיש זיין בעולם, עס איז דאך א דבר המובן מעצמו, צו וועמען דעם איז געווען דער חרון אף אויף מלאכים?

איז דער ביאור אין דעם:
דער ענין פון נו"ן איז וואס ער איז מפסיק בין שני הצדדים, און עס איז ניטא אין דעם קיינע בקעים כו׳, וואס ער זאל קענען דורך-דעם דורך-קריכן, ניט ווי דער אות קו"ף וואס דארטן איז דא א הפסק, צווישן דעם ראש און דעם קו, וואס ער קען דורך-דעם דורך-קריכן.

ואע"פ אז אויך נאך כמה אותיות האבן דעם זעלבן ענין אז עס איז ניטא קיין הפסק בין הראש להקו, ווי דער אות "ך" צי "ץ" צי"ף"איז דאךאבער אין זיי פאראן נאך א ציור, וואס דאס בעווייזט אז אויך אין ענין האבן זיי אנדערע, משא"כ דער אות "ן" האט בלויז אין זיך דעם ענין וואס ער איז מפסיק בין ב׳ צדדים.

דא אויך באווייזט דער "ן" אז דאס איז א הפסק צווישן תרח, מיט אברהם׳ן, ואעפ"י אז דער "ן" מצ"ע איז א ענין של הפסק אויך לולי זה וואס ער איז א הפוך? פונדעסטוועגן לולי וועגן ס׳וואלט ניט געווען הפוך וואלט מען ניט געוואוסט אז די תורה מיינט דא צו זאגן אז עס איז געווען א הפסק, דוקא דורך דערוף וואס ער איז א הפוך ווייסט מען אז די תורה וויל דא עפעס מחדש זיין -נוסף לחיבת חרון- און דאס איז עד אברהם הי׳ חרון אף של מקום.

במילא קומט אויס אז עס איז דא ב׳ קצוות. א) משך הזמן של תרח בין אברהם, ב) פון אברהם און ווייטער, רש"י כאפט אן דעם קצה פון

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u> - אברהם -



שיחות קודש - תשכ"ז א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 143) 116115 הודפס מאוצר החכמה

אברהם עד אברהם -דהיינו ההחלה זמן של אברהם- און ניט עד מיתת תרח -דער גמר הזמן פון תרח-, ווארום ווי רש"י האט געזאגט פריער אז תרח האט געלעבט זעכציק יאר בחייו של אברהם, נאר מצד כיבוד אב האט די תורה געזאגט וימת תרח גו׳ ובמילא קען רש"י שוין ניט זאגן עד מיתת תרח, וויבאלד אז עבודתו של אברהם האט זיך שוין אנגעהויבן פון פריער, פאר מיתת תרח, ובמילא מוז רש"י זאגן עד אברהם, ביז החחלת עבודתו של אברהם וואס משבא אברהם התחיל להאיר בעולם, ווי עס שטייט ויקרא בשם הוי׳ א-ל עולם, ועד"ז שטייט למען אשר יצוה את בניו וביתו גו׳ ושמרו דרך הוי לעשות צדקה גו׳, און דערפאר קען רש"י ניט זאגן עד מיתת תרח.

און דא קומט רש"י און איז מדגיש "בעולם" ער מיינט דערמיט שולל זיין אז דער חרון אף איז ניט געווען בחרח, וויבאלד תרח איז דאך געווען בחייו של אברהם ששים שנה, און דענסמאלט איז דאך ניט געווען חרון אף מצד עבודתו של אברהם במילא קען מען ניט זאגן אז דאס מיינט תרח, נאר דאס מיינט בעולם, ביז אברהם איז געקומען, ובפרט אויב מ׳האלט אז תרח עשה תשובה קען דאך זיכער ניט זיין חרון אף בחרח.

און דאס איז די הדגשה בעולם און אויך לויט אונדזערע דפוסים אז עס שטייט ניט בעולם איז דאס אבער אלץ מוכח פון דעם וואס רש"י שטעלט זיך אויף דעם ווארט "בחרן" אליין, און ניט אויף"תרח בחרן" שמזה מובן אז די חרון אף איז ניט געווען אויף תרח.

און דאס זעט מען אויך ווי רש"י איז לשיטתי׳, וואס רש"י זאגט אז תרח עשה תשובה, ווארום עס שטייט דאך ווייטער ווי דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם ואתה תבוא אל אבותיך בשלום, איז דא אין דעם ב׳ דעות וואס דאס קען זיין, כמבואר במדרש אז דאס קען זיין אז אויך תרח האט געהאט עוה"ב מצד ברא מזכה אבא, ומצד מעשיו של אברהם האט דאס אויך געפועל׳ט אויף תרח׳ן, רש"י אבער אז תרח עשה תשובה, ובמילא לפי שיטת רש"י איז מובן אז דער חרון אף איז געווען בעולם, און ניט בחרח.

עס איז אבער נאך אלץ שווער מאי קמ"ל? דער קינד אין חדר פרעגט וואס איז דא דיי נייעס אז פאר אברהם איז געווען חרון אף של מקום, דאס איז דאך מובן בפשטות? זיי האבן דאך גדונען ע"ז וכו׳ מיט אלע עבירו: איז דאך זיכער אז עס איז געווען דער חרון אף של מקום, ? צי דען איז דער אויבערשטער צופרידן פון דעם? ובמילא צוליב וואס דארף די תורה שרייבן א נו"ן הפוכה לומר לך כו׳ עס איז דאך סיי ווי מובן.

איז דער תירוץ אין דעם:

בשעת אז דער קינד לערנט אז תרח האט געלעבט חמש שנים ומאתים שנה, די גאנצע צייט האט ער געזינדיקט -ווארום אויב ער האט תשובה געטאן וויים דאך דער קינד ניט, ער האט דאך דערוויילע נאך ניט געלערנט פרעגט ער פארוואס האט תרח געלעבט אזוי פיל, פרעגט דער קינד בא דעם רבי׳ן ווי אלט ביסטו? זעכציק זיבעציק כו׳ - איך ווייס ניט ווי אלט רש"י איז דעמאלט געווען, - ביז והי׳ ימיו מאה ועשרים שנה, בלויז הונדערט און צוואנציק יאר, און דא זאגט מען אז תרח דער רשע כו׳ האט געלעבט מער ווי צוויי הונדערט יאר, פארוואס קומט אים אזוי פיל לעבן?

במילא אברהם האט געלעבט הונדערט מיט זיבעציק יאר, איז פארשטאנדיק ועד"ז יצחק ואפי׳ ישמעאל, איז ער דאך געווען בנו של אברהם, און אברהם האט מתפלל געווען פאר אים ווי עס שטייט לו ישמעאל יחי׳ לפניך, במילא.. איז פארשטאנדיק ווי זיי האבן געלעבט אזוי לאנג, משא"כ אבער תרח האט ער ערשט געלערנט רש"י אז רשעים בחיים קרואים מתים אז דאס גייט אויף תרח׳ן, איז זאל ער לכה"פ לעבן ווי צדיקים, אבער ניט מער ווי זיי.

הנחה פרטית בלתי מוגה — און —



שיחות קודש - תשכ"ז א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 144) 116115 הודפס מאוצר החכמה

און במילא קען דער קינד טראכטן וויבאלד אז זיי לעבן לייגנער איז זיכער אז דער איבערגעבער איז צופרידן פון זיי, און אויף דעם קומט דער מלמד און ענטפערט אז ניין, עד אברהם הי' חרון אף של מקום, פרעגן א קושי' אויפן איבערשטן פארוואס דרך רשעים צלחה דאס פרעגט ער שוין ניט, ער ווייס אז ער מיט'ן איבערשטן זיינען באין ערוך און ער קען ניט פרשטיין.

און דאס איז וואס עס שטייט אז די כ"ו דורות זיינען געווען ניזונים בחסדו של הקב"ה, פון א העכערן ארט וואס אס צדקת מה תתן לו כו', און פון דארטן האבן זיי געהאט חיות.

און דא קומט אריין א געשמאקער ענין בפנימיות התורה וואס לכאו' דארף מען פארשטיין לשון רש"י "חרון אף", לכאו' דער פסוק רעט בלויז וועגן חרן, -חרון- ווי קומט דא אריין "אף" לכאו' איז דאס איבעריק?

בפשטות קען מען דאס פארענטפערן לויט דעם וואס רש"י זאגט אין בשלח אז חרון איז דער ענין פון היציקיים, און דאס איז פארבונדן מיט אף, ובמילא זאגט אויך דא רש"י חרון אף, גלאטיק איז דאס אבער ניט, ווארום אס דעם כלל גיט רש"י ארויס ערשט שפעטער, וועט מען דאס בעסער פארשטיין עפ"י פנימיות התורה, ווי ער איז מבאר אין תורה אוד אז דער ענין פון חרון איז מל' נחר גרוני "הייזעריק" ווארום ווי עס דארף זיין אז מוחין דארף פועל'ן אויף מדות, און עפ"י הטבע איז מוח שליט על הלב, און דאס גייט דורך גרון, מן המוח אל הלב.

דאס איז אלץ בשעה דער גרון איז ווי עס באדארף צו זיין, בשעת אבער עס איז נחר גרוני, אז דער גרון איז ניט אין ארדענונג, דעמאלט געלוסט די הארץ כו' ניט עפ"י שליטת המוח.

דאס איז אלץ בשעת די השפעה נעמט זיך פון מוחין צו מדות אל המדות -אז דאס איז עפ"י טו"ד- דא דארף מען האבן ענין הגרון, אבער בשעת די השפעה איז פון אסאך א העכערן ארט פון מוחין, ווי מען זאגט אם צדקת מה תתן לו ורבו פשעיך כו', ד.ה. אין יענע דרגא, רירט איינגאנצן ניט אן מעשה התחתונים, ואפילו אז בשעת עפ"י טו"ד קומט ניט אויס עס זאל זיין א השפעה, איז אבער דא די השפעה פון יענער דרגא.

כנ"ל אז די כ"ו דורות זיינען געווען ניזונים בחסדו של הקב"ה וואס דאס איז אסאך העכער ווי ענין המוחין ומדות, און פון דארטן האט זיך גענומען די השפעה למטה.

ובמילא וויבאלד אז דארטן האט ניט אנגערירט חומ"צ און די השפעה איז ניט געווען עפ"י טו"ד ע"י המוחין, איז מובן אז דאס איז ניט נוגע צי עס איז דא ענין הגרון, אדער נחר גרוני, וויבאלד אז סיי ווי נעמט זיך די השפעה פון העכער.

ובמילא זאגט מען אז דא מיינט דאס ניט חרן נאר חרון אף -כנ"ל חרן גייט אויף נחר גרוני, וואס דאס איז סיי ווי ניט נוגע- וואס דער ענין פון <u>אף</u> איז כמבואר וועגן די נ"ם צווישן חוטם און פה, אז דער ענין פון פה דבור איז חיים, משא"כ אף -חוטם- ענין הריח איז דאס חיי דחיים -וכמבואר אז חוטם נעמט טיפעד אין מוחין וואס איז אבא יסד ברתא, און ווי מען האט גערעט בשמח"ת וועגן דעם חילוק צווישן קטורת און קרבנות אז קטורת האט די מעלה פון ישימו קטורה באפיך די מעלה פון אף.

און דאס זאגט מען אז די חיות האט זיך גענומען פון חרון אף, שזהו ענין שלמעלה ממוחין ומדות ע"ד ווי דער ענין פון ניזונים בחסדו של הקב"ה, פונדעסטוועגן איז דאס ניט אזא הויכע דרגא אז עס זאל גארניט אנרירן די מעשה התחתונים, ווארום מען זעט דאך אז עס איז געווען ענין המבול ושארי עונשין, עס איז בלויז דאס וואס איז העכער ממוחין

- כו' -

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



שיחות קודש - תשכ"ז א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 145) 116115 הודפס מאוצר החכמה

כו׳ אז אפילו אן תורה ומצות קען אויך זיין א השפעה פון חיות.

דאס איז אלס געווען קודם שבא אברהם אבינו, דעמאלט האט געקענט זיין בב׳ הענינים אז עס זאל זיך נעמען די השפעה למעלה מבוחין כו׳ און פונדעסטוועגן זאל זיין ענין הענושים, בשעת אבער אברהם איז געקומען דארטן איז שוין די המשכה עפ"י מוחין ומדות אז די השפעה מלמעלה איז עפ"י מוחין, אז דאס קומט אזוי אויס עפ"י מוחין און עס זאל נמשך ווערן למטה.

וואָרום אברהם התחיל להאיר למטה, ער האט באלויכטן די וועלט, וכמבואר אין דעם מאמר ההילולא באתי לגני אז אברהם האט ממשיך געווען די שכינה מלמעלמ"ט, און דאמאלסט האט זיך אפגעטאן דעם בו תדבקון וואס דער "ו" וויזט אויף די המשכה למטה, אז מעלה מעלה עד אין קץ זאל אראפ קומען למטה מטה עד אין תכלית, וואס די אלע מעלות וואס ער רעכנט אויס ביז דעם ובו תדבקון איז דאס אלץ אויף ממשיך זיין דאס למטה.

ובמילא איז די המשכה למטה געווען עפ"י סו"ד, וכמבואר אז אין די ב׳ אלפים תורה האבן זיך שוין אנגעהויבן ימות המשיח ענין הגאולה, ובמילא וויבאלד אז עס איז שוין געווען די התחלה וועט דאס זיכער זיין בביאת משיח צדקינו כו׳.

יו"ד. עס זיינען דא פאראן די וועלכע וועלן אוועק פארן (בימים אלו) און עס וועט ביי זיי זיין דער ויעקב הלך לדרכו, דא האבן זיי זיך געמאטערט, מיט׳ן עסן מיט׳ן שלאפן, אז עס איז ניט געווען בזמן, און עס איז ניט געווען געגוג כו׳, ועד"ז בנוגע צו לבושים, מיט׳ן טלטול הדרך ובהידור בתוך הידור, און איצטער גייען זיי אוועק לדרכם הגרילים בדרך התורה והמצות, און מען דארף מיט-נעמען לדרכו פון חודש תשרי חודש השביעי מושבע בכל טוב, און אויך היינט יום השלשים של חודש תשרי איז זאך אויך בכלל חודש השביעי מושבע בכל טוב, ובפרט פון זמן שמחתינו, און דאס ממשיך זיין על כל השנה כולה.

זאל מען אלע זאגן לחיים צוזאמען און דאס וועט העלפן אין דעם מיטנעמען על כל השנה.

ווי מען געפינט בא שמע"צ, וואס דער אויבערשטער זאגט קשה עלי פרידתכם, איז רערפאר זאגט דער אויבערשטער מען זאל מאכן נאך א סעודה קטנה און מען זאל אליין מקריב זיין פר אחד גו׳, כמבואר במדרש.

וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק, דער לשון פרידתכם ער האט דאך געדארפט זאגן פרדתינו - די אידן מיט׳ן אויבערשטן- און ווי ווערט דאס בעסער מיט די סעודה קטנה וואס מען איז מקירב פר אחד, ולכאו׳ וועט דאך דערנאך וועט זיין דער קשה פרידהכם?

עס זיינען פאראן מפרשים וועלכע ווילן זאגן אז ביי דעם אויבערשטן פאסט ניט זאגן אז ער וועט אפגעשייט פון אידן, און דערפאר זאגט ער ניט פריתינו,, עס איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק כמובן אז עס איז ניט גלייך, ווי די אידן זיינען בעת עלייה לרגל בביהמ"ק ווי זיי זיינען דערנאך לאחר החג.

איז דער ביאור אין דעם:

פרידתכם מיינט צווישן די אידן בופא, דער אויבערשטער זאגט קשה עלי בשעת די אידן ווערן פאנאנדערגעטיילט איינע פון די אנדערע, און אויף דעם איז דער תיקון מ׳זאל מאכן א סעודה קטנה כו׳ פון פר אחד, וואס דא איז ניט שבעה פרים נאר פר אחד, ווארום דא ברייגגען אלע אידן פון אלע שבטים איין קרבן און מ׳איז דאס מקריב, וואס דאס פועל׳ט אויף די התאחדות אין די אידן.

ועד"ז איצטער זאלן מען אלע צוזאמען זאגן לחיים און דאס וועט



שיחות קודש - תשכ"ז א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 146) 116115 הודפס מאוצר החכמה